Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 8, נומער 2 (37)

טבֿת תּשס״ג/דעצעמבער 2002

# יונגע ייִדיש־פֿאָרשערס[1] אין ניו־יאָרק

**דער זומער איז געווען הייס, דער עיקר[2] אין ניו־יאָרק. פֿאַר וואָס עפּעס אין ניו־יאָרק ? ווײַל דאָרט איז פֿאָרגעקומען אין יולי דער דריטער אינטערנאַציאָנאַלער סעמינאַר אין ייִדישער קולטור.**

דער סעמינאַר איז אָרגאַניזירט געוואָרן בשותּפֿות[3] דורך דרײַ אינסטיטוציעס : ייִוואָ[4], דער ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר (ניו־יאָרק) און בית־שלום־עליכם[5] (תּל־אָבֿיבֿ). דער ערשטער סעמינאַר איז געווען אין ישׂראל אין 1999 (זע *טעם־טעם* נומ' 22), און די לעצטע צוויי אין ניו־יאָרק. די אָנטיילנעמער[6] זײַנען אוניווערסיטעט־סטודענטן וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ייִדישע לימודים[7] און וואָס גרייטן צו אַ פֿאָרשאַרבעט. אַ טייל זײַנען שוין דערפֿאַרענע[8] פֿאָרשערס, און אַנדערע האָבן ערשט אָנגעהויבן זייערע שטודיעס. איין זאַך אָבער האָבן מיר אַלע געהאַט בשותּפֿות – אַן אינטערעס אין דער ייִדישער קולטור.

דער סעמינאַר האָט געדויערט דרײַ וואָכן און עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט[9] דרײַסיק סטודענטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. יעדן טאָג האָט מען געהאַט לעקציעס מיט באַוווּסטע פֿאָרשערס און אויך געהערט רעפֿעראַטן פֿון די סטודענטן. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט[10] אַרומצורעדן אונדזער אַרבעט אי מיט די פּראָפֿעסאָרן אי מיט די אַנדערע אָנטיילנעמער.

ווי אַלע ווייסן, איז ניו־יאָרק געווען איינער פֿון די גרעסטע און לעבעדיקסטע צענטערס פֿון דער ייִדישער קולטור, מיט אַ רײַכער ליטעראַטור און אַ בליִענדיקן[11] טעאַטער, קינאָ, פּרעסע און ראַדיאָ. די טעמע פֿונעם הײַיאָריקן[12] סעמינאַר איז טאַקע געווען „ייִדיש אין ניו־יאָרק“. די פּראָגראַם האָט אַרײַנגענומען לעקציעס וועגן ליטעראַטור (אָנגעפֿירט דורך רות ווײַס[13] און דוד ראָסקעס[14]), געשיכטע (יודזשין אָרנשטיין[15], דוד־הירש פֿישמאַן[16]), עטנאָגראַפֿיע (רחמיאל פּעלץ[17]) און ביבליאָגראַפֿיע (אַבֿרהם נאָווערשטערן[18]). מיר האָבן געלייענט די ראָמאַנען *אָנקל מאָזעס* און *איסט ריווער* פֿון שלום אַש[19], שטודירט לידער פֿון יעקבֿ גלאַטשטיין[20], איינער פֿון די וויכטיקסטע און סאַמע אינטערעסאַנטע פּאָעטן פֿון דער גרופּע „אינזיכיסטן[21]“. מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער געשיכטע און דער אַנטוויקלונג[22] פֿון די ייִדישע שולן אין ניו־יאָרק, אין וועלכע עס האָבן זיך אַגבֿ[23] געלערנט אַ סך פֿון די הײַנטיקע ייִדיש־פֿאָרשערס.

אויף די עטנאָגראַפֿיע־לעקציעס האָט מען זיך געלערנט ווי אַזוי צו ניצן מאָדערנע עטנאָגראַפֿישע מעטאָדן בײַ אינטערוויוען און טרעפֿונגען מיט ייִדיש רעדנדיקע

[סוף זײַט 8]




די גרופּע ייִדיש־פֿאָרשערס בײַ שלום־עליכמס קבֿר אויפֿן אַרבעטער־רינג בית־עולם אין ניו־יאָרק

1. chercheurs/researchers 2. DER IKER surtout/especially 3. BESHUTFES en association/jointly 4. YIVO Institut de recherches juives/ YIVO Institute for Jewish Research 5. BEYS-SHOLEM-ALEYKHEM, TEL-AVIV centre Sholem-Aleykhem/Sholem-Aleykhem House 6. participants 7. LIMUDIM études/studies 8. expérimentés/experienced 9. participé/took part 10. rare occasion 11. florissant/flourishing 12. de cette année/this year's 13. RUS Ruth Wisse 14. DOVID David Roskies 15. Eugene Ornshteyn 16. DOVID David Fishman 17. RAKHMIEL Peltz 18. AVROM Noversztern 19. SHOLEM Ash (1880-1957) 20. YANKEV Glatshteyn (1895-1971) 21. introspectivistes/ Introspectivists אַ גרופּע ייִדישע פּאָעטן אין ניו־יאָרק אין די 20ער יאָרן 22. développement/development 23. AGEV d'ailleurs/by the way

# דער יִדישער קאַלענדאַר

**די גרויסע וועלט גרייט זיך באַלד צו פֿײַערן אַ נײַ יאָר 2003. אין דער יִדישער וועלט אָבער איז שוין מיט אַ פּאָר חדשים[1] צוריק געוואָרן דאָס נײַע יאָר תּשס"ג[2] (5763).**

די יִדישע צײַט־רעכענונג[3] הייבט זיך אָן מיט בראשית[4], דאָס הייסט מיט דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט. כּדי[5] צו געפֿינען ווען די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, האָט מען צונויפֿגערעכנט[6] די יאָרן פֿון לעבן פֿון די וויכטיקע העלדן פֿונעם תּנ"ך[7]. לויט[8] אָט דער רעכענונג זײַנען מיר איצט אין יאָר 5763. דאָס איז אָבער ניט געווען די איינציקע צײַט־רעכענונג בײַ יִדן : אין די אַמאָליקע צײַטן האָט מען געציילט די יאָרן אָנהייבנדיק מיט יציאת־מצרים[9], מיטן אויפֿבוי פֿונעם בית־המקדש[10] אָדער, שפּעטער, מיט דעם חורבן־בית־המקדש[11].

דער יִדישער קאַלענדאַר הייסט לוח[12]. דער לוח רעגולירט דאָס טראַדיציאָנעלע לעבן : ער באַשטימט די דאַטעס פֿון יום־טובֿים[13], תּעניתים[14], און פּרשיות[15] פֿון דער וואָך. לויט דעם לוח רעכנט מען אויך אַנדערע יאָרטעג[16] ווי יאָרצײַטן[17] און בר־מיצוות[18].



אַ יִדישער קאַלענדאַר מיט זאָדיאַק־צייכנס, ווילנע, 1925.

אַ יאָר קען מען רעכענען לויט דער זון (ווי עס טוט דער קריסטלעכער קאַלענדאַר) אָדער לויט דער לבֿנה[19] (ווי דער מוסולמענישער[20] קאַלענדאַר). דער לוח איז אַ געמיש פֿוןביידע סיסטעמען. די חדשים רעכנט מען לויט דער לבֿנה – יעדער נײַע לבֿנה הייבט אָן אַ נײַעם חודש. פֿון איין נײַער לבֿנה ביז אַ צווייטער איז 29 טעג מיט אַ האַלבן. האָט מען באַשטימט אַז טייל חדשים זאָלן האָבן 29 טעג און טייל 30 טעג. לויט אַזאַ רעכענונג האָט אַ יאָר 354 טעג. אַ זוניאָר אָבער באַשטייט, ווי מיר ווייסן, פֿון 365 טעג. כּדי די צאָל[21] טעג זאָל שטימען[22] מיטן זוניאָר מוז מען צוגעבן די עלף טעג וואָס פֿעלן. דאָס טוט מען כּדי די יום־טובֿים זאָלן שטימען מיט די צײַטן פֿון יאָר[23], צום בײַשפּיל, אַז פּסח[24] זאָל אויספֿאַלן פֿרילינגצײַט און סוכּות[25] זאָל אויספֿאַלן האַרבסט[26]. מען גיט צו אין פֿרילינג אַלע צוויי־דרײַ יאָר (לויט אַ קאָמפּליצירטער רעכענונג) אַ צווייטן חודש אָדר[27] (וואָס מע רופֿט אים אָן „אָדר ב'", „אָדר שני" אָדער „ואָדר"[28]). אַזאַ יאָר מיט 13 חדשים הייסט אַן עיבור־יאָר[29].

די נעמען פֿון די חדשים האָט מען אָנגעהויבן ניצן ערשט אין דער צײַט פֿון גלות־בבֿל[30]. פֿריִער האָט מען זיי גערופֿן בלויז „ערשטער חודש", „צווייטער חודש", אאַז"וו[31]. דאָס וואָרט חודש שטאַמט פֿונעם שורש[32] „ח ד ש" – וואָס מיינט „נײַ", דאָס הייסט, פֿון דער נײַער לבֿנה. דאָס יִדישע יאָר הייבט זיך אָן אין האַרבסט מיטן חודש תּשרי[33]. (די נעמען פֿון אַלע חדשים און די דאַטעס פֿון וויכטיקע יום־טובֿים וועט איר געפֿינען אויף ז' 3).



1. khadoshim mois/months ; *sing.* חודש khoydesh 2. tashsag prononciation des lettres correspondant au chiffre 5763/pronunciation of the letters corresponding to the number 5763 3. mesure du temps/time measurement 4. breyshes Genèse/Genesis 5. kedey afin de/in ordre to 6. additionné/added up 7. tanakh Bible juive/Jewish Bible 8. selon/according to 9. yetsies mitsraim la sortie d'Egypte/exodus from Egypt 10. ...beys hamigdesh la construction du Temple/building of the Temple 11. khurbm... la destruction du Temple/destruction of the Temple 12. luekh 13. yomtoyvim fêtes/holidays 14. taneysim jeûnes/fasts 15. parshes sections hebdomadaires du Pentateuque/weekly portions of the Pentateuch 16. anniversaires/anniversaries 17. anniversaires de décès/anniversaries of death 18. bar mitsves Bar Mitsva *(plur.)* 19. levone lune/moon 20. musulman/Muslim 21. nombre/number 22. correspondre/correspond 23. saisons/seasons 24. peysekh Pâque/Passover 25. sukes Soucot/Sukkoth 26. automne/autumn 27. oder Adar 28. oder beys, oder sheyni, veoder : trois façons de dire le 2e mois d'Adar/ three ways to say the second month of Adar 29. iber-... année embolismique/leap year 30. goles-bovl exil babylonien/Babylonian exile 31. און אַזוי ווײַטער 32. shoyresh racine 33. tishre Tishri.

# די צוועלף חדשים

## תּישרי
[TISHRE]
סעפּטעמבער/אָקטאָבער
Tishri

## חשוון
[KHESHVN]
אָקטאָבער/נאָוועמבער
Heshvan

## כּיסלו
[KISLEV]
נאָוועמבער/דעצעמבער
Kislev

## טבֿת
[TEYVES]
דעצעמבער/יאַנואַר
Tevet/Tebeth

## שבֿט
[SHVAT]
יאַנואַר/פֿעברואַר
Shevat/Shebat

## אָדר
[ODER]
פֿעברואַר/מאַרץ
Adar

## ניסן
[NISN]
מאַרץ/אַפּריל
Nissan

## אײר
[IYER]
אַפּריל/מײַ
Iyar

## סיוון
[SIVN]
מײַ/יוני
Sivan

## תּמוז
[TAMEZ]
יוני/יולי
Tamouz/Tammuz

## אָבֿ
[OV]
יולי/אויגוסט
Av/Ab



## אֶלול
[ELEL]
אויגוסט/סעפּטעמבער
Eloul/Elul




Tous droits réservés

## די דאַטעס פֿון די וויכטיקסטע יום־טובֿים

| | |
|---|---|
| ראש־השנה [ROSHESHONE] דעם 1טן תּישרי | Rosh Hashana : Nouvel An/New Year |
| יום־כּיפּור [YONKIPER] דעם 10טן תּישרי | Yom Kippour : le Grand Pardon/<br>Yom Kippur : The Day of Atonement |
| סוכּות [SUKES] פֿון 15טן ביזן 22סטן תּישרי | Soucot : fête des Cabanes/Sukkoth : Festival of Booths |
| שׂימחת־תּורה [SIMKHES-TOYRE] דעם 23סטן תּישרי | Simhat Torah : fête de la Joie de la Torah/Torah Celebration |
| חנוכּה [KHANUKE] פֿון 25סטן כּיסלו ביזן 2טן טבֿת | Hanouca/Hanukkah |
| פּורים [PURIM] דעם 14טן אָדר | Pourim/Purim |
| פּסח [PEYSEKH] פֿון 15טן ביזן 22סטן ניסן | Pâque/Passover |
| ל״ג־בעומר [LEG-BOYMER] דעם 18טן אײר | Lag b'Omer |
| שבֿועות [SHVUES] פֿון 6טן ביזן 7טן סיוון | Shavouot : fête des Prémices/Shabuoth : Festival of first fruits |
| תּישעה־באָבֿ [TISHEBOV] דעם 9טן אָבֿ | Tisha b'Av : le 9 du mois d'Av<br>Tisha b'Ab : the ninth day of Ab |

# יאָר

צום נײַעם יאָר איז גוט צו דערמאָנען דאָס וואָרט **יאָר** – אַ קליין, פּשוט[1] וואָרט, וואָס אַרום דעם שאַפֿן זיך אָבער אַ סך אינטערעסאַנטע און חנעוודיקע[2] אויסדרוקן[3].

ייִדיש־סטודענטן פֿרעגן זיך שטענדיק ווי אַזוי מע דאַרף זאָגן „דאָס **יאָר** וואָס איז“, „דאָס **יאָר** וואָס וועט קומען“ און „דאָס **יאָר** וואָס איז געווען“. אַוודאי[4] קען מען זאָגן **דאָס איצטיקע יאָר**, **דאָס קומענדיקע יאָר**, און **דאָס לעצטע יאָר** אָדער **דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָר**. אָבער מער אידיאָמאַטיש זאָגט מען **הײַיאָר**[5] (אָדער **הײַנטיקס יאָר**), **פֿאַר אַ יאָרן**[6], און **איבער אַ יאָר**[7]. **הײַנטיקס יאָר** הערט מען, צום בײַשפּיל, אין דעם שיינעם ליד „שנירעלע פּערעלע“ : „משיח[8] וועט קומען הײַנטיקס יאָר“. ווען מע זאָגט **איבער אַ יאָר**, אויב מע וויל רעדן גאָר היימיש, גיט מען צו „איבער אַ יאָר – אַז מ'עט לעבן[9]“ אָדער „איבער אַ יאָר – אם ירצה השם[10]“. **פֿאַר אַ יאָרן** גיט אויך אַן אַדיעקטיוו **פֿאַראַיאָריק** ; צום בײַשפּיל, „מײַן פֿאַראַיאָריקער לערער“ אָדער „אינעם פֿאַראַיאָריקן נומער“. ווען מע וויל אויסדריקן אַז עפּעס איז ניט וויכטיק, עס מאַכט ניט אויס[11], זאָגט מען „עס אַרט מיך[12] ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי“.

**אַ גוט יאָר** איז אַן ענטפֿער אויף אַ באַגריסונג[13] ; ווען מע הערט „גוט־מאָרגן“, „אַ גוטן אָוונט“ אָדער „גוט שבת[14]“ קען מען ענטפֿערן „אַ גוט יאָר“. עפּעס וואָס קומט פֿאָר אַלע יאָר אָן אַן אויסנעם[15] זאָגט מען **יאָר איין יאָר אויס**. זייער אַ לאַנגע צײַט איז **אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך**.

די מערצאָל פֿון **יאָר** איז **יאָרן**, אָבער אין פֿאַרשיידענע אויסדרוקן (ווי „אַלע יאָר“, „אַ פּאָר יאָר“) אָדער אויב מע ניצט עס מיט אַ ציפֿער (ווי „ער איז אַלט 20 יאָר“ אָדער „ביז 120 יאָר“), ניצט מען עס אין איינצאָל. **אַלע יאָר** מיינט יעדעס יאָר. אָבער **אַלע מײַנע יאָרן** מיינט : מײַן גאַנץ לעבן. „ער איז אַ מענטש אין מײַנע יאָרן“ מיינט : ער איז פֿונעם זעלביקן עלטער[16] ווי איך. **אַ מענטש אין די יאָרן** איז שוין אַן עלטערער מענטש. **אַ מויד אין די יאָרן** איז אַ מיידל וואָס מע מיינט אַז ס'איז שוין צײַט זי זאָל חתונה האָבן[17]. **פֿון אַ גאַנץ יאָר** מיינט „געוויינטלעך, וואָכעדיק[18]“. **ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר** זײַנען פּראָסטע[19], דורכשניטלעכע[20] מענטשן.

דאָס וואָרט יאָר ניצט מען אַ סך צו ווינטשן און צו שעלטן[21]. מע קען עמעצן ווינטשן „**צו לאַנגע יאָרן**“. ווען מע דערמאָנט אַ לעבעדיקן אין דער זעלבער צײַט ווי אַ טויטן, איז גוט צוצוגעבן **דיר** (אָדער אים, איר, אאַז"וו[22]) **צו לענגערע יאָרן**. פֿאַרקערט, אַז מע וויל ווינטשן עמעצן שלעכטס, קען מען אים ווינטשן **פֿאַרקירצטע יאָרן** אָדער **אָפּגעשניטענע יאָרן**, דאָס הייסט, אַז זײַן לעבן זאָל ניט לאַנג געדויערן[23]. **דערגיין עמעצן די יאָרן** מיינט : פֿאַרביטערן אים דאָס לעבן. „דו דערגייסט מיר די יאָרן“ איז אַ זאַץ וואָס מע האָט געהערט מער ווי



איין זײַט פֿון אַ ייִדישן אָפּרײַס־קאַלענדאַר, וואַרשע, 1929.

איין מאָל בײַ אַ סך ייִדישע משפּחות[24]. אַ סינאָנים פֿאַר „טײַוול[25]“ איז **דער שוואַרציאָר** אָדער – אויב מע וויל אַן אייפֿעמיזם – **דער גוטער יאָר**. צוויי גוטע, היימישע קללות[26] : **צו אַל די שוואַרצע יאָר, אַ גוטער יאָר זאָל אים נעמען**[27].

ס'איז דאָ צונויפֿגעשטעלטע[28] ווערטער מיט יאָר : אַ **יאָרהונדערט** (100 יאָר) ; אַ **יאָרטויזנט** (1000 יאָר) ; אַ **יאָרטאָג**[29] (אַ דאַטע פֿון אַ געשעעניש וואָס מע פֿײַערט[30], ווי אַ געבוירן־טאָג) ; **יאָרצײַט** איז די דאַטע ווען מע געדענקט אָן עמעצנס טויט, ווען מע צינדט אָן אין זײַן אָנדענק[31] אַ **יאָרצײַט־ליכט**. דאָס וואָרט דאַרף מען ניט פֿאַרמישן מיט **די פֿיר צײַטן פֿון יאָר** (פֿרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער).

און בײַם סוף[32], איין ווערב : **זיך יערן**, דאָס הייסט, ווערן מיט אַ יאָר עלטער. „ער יערט זיך מאָרגן“ מיינט ס'וועט זײַן מאָרגן זײַן געבוירן־טאָג. אויב עמעצער באַגריסט אײַך מיט „וואָס הערט זיך ?“ און איר ווילט ענטפֿערן מיט אַ וויץ (און מיט אַ גראַם[33]), קענט איר אַ זאָג טאָן: „**די באָבע יערט זיך !**“



1. poshet simple 2. kheynevdike charmants/charming 3. expressions 4. avade bien sûr/of course 5. cette année/this year 6. l'année dernière/last year 7. l'année prochaine/next year 8. meshiekh le Messie/The Messiah 9. *contraction de/of :* אַז מע וועט לעבן si Dieu nous prête vie/may we live (till then) 10. im-yirtse-hashem/mirt(se)shem si Dieu le veut/God willing 11. cela ne fait rien/it doesn't matter 12. cela m'importe/it matters to me 13. salutation/greeting 14. shabes Shabbat 15. exception 16. âge/age 17. khasene ... se marier/to be married 18. ordinaire, de tous les jours/ordinary, everyday 19. simples/simple 20. moyens/average 21. maudire/curse 22. און אַזוי ווײַטער etc. 23. ne dure pas longtemps/may not last long 24. mishpokhes familles/families 25. diable/devil 26. kloles malédictions/curses 27. qu'il aille au diable/may he go to the devil 28. composés/compound 29. anniversaire/anniversary 30. que l'on célèbre/which is observed 31. à sa mémoire/in his memory 32. ... sof enfin/finally 33. rime/rhyme.

# דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן[1] : אַ יונגע אַקטריסע דערציילט

דעם 18טן יוני 2002 איז פֿאָרגעקומען אינעם לאָנדאָנער בלומזבערי־טעאַטער[2] די ייִדישע וועלט־פּרעמיערע פֿון אַהרן צייטלינס[3] *דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן*. די פּיעסע איז געדרוקט געוואָרן אין 1931 אָבער קיין מאָל נישט געשפּילט אויף ייִדיש. אינעם *טעם־טעם* נומער 35 האָבן מיר שוין איבערגעדרוקט פֿון ניו־יאָרקער *פֿאָרווערטס* טיילן פֿון יצחק[4] ניבאָרסקיס רעצענזיע[5] פֿון דער פֿאָרשטעלונג. לעצטנס האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט חיקע־ברוריה וויגאַנד[6], אַ ייִדיש־פֿאָרשערין[7] וואָס איז צוליב דער פּיעסע מגולגל געוואָרן[8] אין אַן אַקטריסע (געשפּילט האָט זי צוויי ראָלעס – אַ פּאָעט און אַן אַלטן וואַסערגייַסט[9]). זי טיילט זיך דאָ מיט אירע איַינדרוקן.

**– ווי אַזוי האָט עס זיך באַקומען אַז אַ גרופּע אַמאַטאָרן האָט זיך פֿאַרמאָסטן[10] צו שטעלן[11] אַזאַ שווערע פּיעסע ?**

– דער געדאַנק צו שטעלן די פּיעסע איז אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ סעמינאַר אויפֿן יוניווערסיטי קאָלעדזש[12] אין לאָנדאָן, אָנגעפֿירט פֿון חיהלע ביר[13], ווו מע האָט געלייענט די דאָזיקע פּיעסע מיט אַ גרופּע ייִדיש־סטודענטן פֿונעם אָפּטייל[14] פֿון העברעיִשע און ייִדישע לימודים[15]. מיר זיַינען געווען אַזוי פֿאַרכאַפּט[16] פֿון דער פּיעסע – סיַי[17] פֿון איר היַינטציַיטיקייט[18], מיט דער מוראדיקער[19] וויזיע פֿון כעמישער מלחמה[20], סיַי פֿון צייטלינס טיפֿן מיסטישן קוק אויף דער וועלט – אַז מיר האָבן באַשלאָסן פֿאָרצושטעלן די פּיעסע פֿאַר אַן עולם[21].

**– דאָס איז זייער אַ לאַנגע און קאָמפּליצירטע פּיעסע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דריַי פֿאַרשיידענע „וועלטן"; צי האָט איר עס געדאַרפֿט אַ סך באַאַרבעטן ?**

– ערשטנס האָבן מיר געדאַרפֿט אַ ביסל קירצן דעם טעקסט, וויַיל אויב נישט וואָלט די פֿאָרשטעלונג געדויערט צו לאַנג. צווייטנס, אַזוי ווי די פּיעסע האָט אַ סך מוזיקאַלישע אָנוויַיזונגען[22], האָבן מיר פֿאַרבעטן די ברידער לבֿנת[23], צוויי יונגע מוזיקער פֿון ישׂראל[24], אָנצושריַיבן און אויסצופֿירן[25] אָריגינעלע מוזיק פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג. דריטנס, האָט מען געדאַרפֿט לייזן[26] אַ סך פּראָבלעמען פֿון אינסצעניזאַציע[27]. מיר האָבן טאַקע געהאַט דאָס מזל[28] צו האָבן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן רעזשיסער[29], דוד שניַידער[30], און דריַי סטודענטן פֿון בינעקונסט[31]. זיי האָבן אונדז געוויזן ווי אַזוי, מיט פּשוטע[32] מיטלען, און מיט ליכט־ און קלאַנג־עפֿעקטן[33], אָנצודיַיטן[34] אויף די דריַי „וועלטן" – אַ טראַנס־אַטלאַנטישע שיף, אַן אונטערוואַסער־וועלט און דער גן־עדן[35]. למשל[36], אונטערן וואַסער איז אַלץ געווען אין ניואַנסן פֿון בלוי און גרין ; דער עץ־הדעת[37] אין גן־עדן איז געווען אַ דאַר ביימל באַהאָנגען מיט ביכער.

**– און ווי אַזוי איז געווען די צוזאַמענאַרבעט צווישן די אַקטיאָרן ?**

– במשך[38] די דריַי חדשים[39] פֿון אינטענסיווע פּראָבעס[40] איז די שטימונג[41] געווען ממש[42] אויסערגעוויינטלעך[43]. די אַקטיאָרן זענען געווען אויף פֿאַרשיידענע מדרגות[44] פֿון ייִדיש – עטלעכע זענען געווען אמתדיקע[45] אָנהייבערס, אַנדערע האָבן שוין גוט גערעדט די שפּראַך. אַ פּאָר זענען שוין אַ מאָל געשטאַנען אויף אַ בינע, פֿאַר אַנדערע איז עס געווען אין גאַנצן אַ ניַיע איבערלעבונג[46].

[סוף זיַיט 8]





## טעאַטער־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דער רעזשיסאָר/ רעזשיסער | metteur en scène/ director |
| דער אַקטיאָר | acteur/actor |
| די אַקטריסע | actrice/actress |
| די אינסצעניזאַציע | mise en scène/ staging, direction |
| די דעקאָראַציע | décor |
| די באַליַיכטונג | éclairage/lighting |
| דער קלאַנג | son/sound |
| די בינע | scène, plateau/stage |
| די ראָלע | rôle |
| די פּראָבע | répétition/rehearsal |
| די פּרעמיערע | première |
| דער עולם [OYLEM] | public/audience |
| דער פּאַרטער | orchestre, parterre/ orchestra |
| דער באַלקאָן | balcon/balcony |
| דער אַנטראַקט | entracte/intermission |
| דער פֿאָרהאַנג | rideau/curtain |
| דער לאָמפּן־פֿיבער | trac/stagefright |
| דער דורכפֿאַל | échec/failure |
| דער שלאַגער | succès/hit |

1. (35 זע ייִדישער *טעם־טעם* נומער 31 און) 86-1 .ז ,2 פּיעסע פֿון אַהרן צייטלין געדרוקט אין דעם זאַמלבוך *אַמאָל אין אַ יובֿל*, וואַרשע 1931, נומער 2. Bloomsbury Theatre 3. ARN Tseytlin (1898-1973) 4. YITSKHOK 5. critique/review 6. KHAYKE-BRURYE Wiegand 7. chercheuse/researcher 8. … MEGULGL … s'est métamorphosée/turned into 9. esprit des eaux/water spirit 10. entrepris de/undertook to 11. mettre en scène/stage, produce 12. University College 13. KHAYELE Helen Beer 14. département/department 15. LIMUDIM études/studies 16. captivé/fascinated 17. סיַי... סיַי aussi bien…que/both … and 18. actualité/timeliness 19. MOYREDIKER effrayant/terrifying 20. … MILKHOME guerre chimique/chemical warfare 21. OYLEM public 22. indications 23. LIVNAT 24. YISROEL 25. jouer/perform 26. résoudre/solve 27. mise en scène/staging 28. MAZL chance/good fortune 29. metteur en scène/director 30. DOVID Schneider 31. art dramatique/dramatic art 32. POSHETE simples/simple 33. éclairages et bruitages/light and sound effects 34. suggérer/suggest 35. GAN-EYDN jardin d'Eden/Garden of Eden 36. LEMOSHL par exemple/for example 37. EYTS HADAS arbre de la Connaissance/Tree of Knowledge 38. BEMESHEKH pendant/during 39. KHADOSHIM mois/months 40. répétitions/rehearsals 41. ambiance/mood 42. MAMESH vraiment/really 43. extraordinaire/extraordinary 44. MADREYGES niveaux/levels 45. EMESDIKE vrais/real 46. expérience

דער קליינער
פֿאָרווערטס

אַן אויסקלײַב פֿון אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס פֿון מײַ און אָקטאָבער 2002

# ווו קויפֿט מען איצט בגדים[1] !

איר געדענקט די מאַרקע Yves Saint-Laurent ? איז שוין[2] ! מער וועט מען ניט קענען קויפֿן קיין בגד, אויסגעאַרבעט אין דעם פּאַריזער מאָדע־הויז, וואָס איוו סען לאָראַן האָט געעפֿנט אין יאָר 1961. דאָס לעצטע קלייד – אויפֿגענייט פֿאַר דער באַוווּסטער פֿראַנצייזישער אַקטריסע קאַטרין דענעוו[3] – איז שוין פֿאַרטיק, און דאָס הויז איז פֿאַרמאַכט. בלויז עלף אַזעלכע מאָדע־הײַזער זײַנען פֿאַרבליבן אין איצטיקן פּאַריז, אין פֿאַרגלײַך מיט אַזש[4] 20 וואָס זײַנען געווען מיט צען יאָר צוריק. די סיבה[5] איז, אַז אַלץ ווייניקער מענטשן זײַנען גרייט צו צאָלן צענדליקער טויזנטער דאָלאַר פֿאַר אַ ספּעציעל געמאַכטן בגד. למשל[6], איוו סען לאָראַנס הויז האָט געהאַט צום סוף[7] בלויז 120 שטענדיקע קליענטן, און כאָטש צווישן זיי איז געווען בערנאַדעט שיראַק, די פֿרוי פֿונעם איצטיקן פּרעזידענט, פֿלעגט דאָס געשעפֿט פֿאַרלירן ביז 10 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

1. BGODIM vêtements/clothing *sing.* בגד BEGED 2. *ici* c’est fini !/ *here* it’s all over! 3. Catherine Deneuve 4. autant que/as many as 5. SIBE raison/reason 6. LEMOShL par exemple/for example 7. … SOF vers la fin/at the end.

# די שאָפּן[1] אין אייראָפּע



▲ שאָפּן

איך בין גאָר ניט זיכער, צי אַלע לייענער ווייסן, אַז דאָס וואָרט שאָפּ מיינט raccoon, אָבער די רייד וועט גיין טאַקע וועגן אָט דער אַמעריקאַנער חיה[2]. די זאַך איז, אַז שאָפּן־פעלצן[3] זײַנען מיט אַ יאָרהונדערט צוריק געוואָרן זייער פּאָפּולער אין אייראָפּע. סוף־כּל־סוף[4], האָט מען קיין דײַטשלאַנד געבראַכט די חיות גופֿא[5] און זיי געהאַלטן אין ספּעציעלע פֿאַרמעס. אין יאָר 1934 האָט מען פֿיר שאָפּן אַרויסגעלאָזט אויף דער פֿרײַ ; די אַנדערע האָבן שפּעטער אַליין גענומען די פֿיס אין די הענט, און אַ פּאָר הונדערט שאָפּן זײַנען זיך צעלאָפֿן, ווען די אַוויאַציע האָט בעת[6] דער צווייטער וועלט־מלחמה[7] חרובֿ געמאַכט[8] אַ פֿאַרם ניט ווײַט פֿון בערלין. איצט לעבן די שאָפּן אַ טאָג[9] אין אַ צאָל ערטער אין דײַטשלאַנד און פּאַסן זיך אַפֿילו[10] צו[11] צו דער גרויס־שטאָטישער סבֿיבֿה[12] – אין בערלין, האַמבורג און פֿראַנקפֿורט. אייניקע תּושבֿים[13] קלײַבן נחת[14] פֿון דער חיה, אָבער אַ סך פֿאָדערן[15] מע זאָל זיי פֿאַרטיידיקן[16] פֿון דעם שטערער[17], וועלכער קריכט אַרײַן אין די שטיבער, עסט אויף די אַכילה[18] וואָס מע האָט צוגעגרייט פֿאַר די קעץ, האָט די העזה[19] אַרײַנצוקריכן אין די שאַפֿעס און איבערלאָזן נאָך זיך שטינקענדיקע שפּורן.

מע טענהט[20], אַז פֿון דײַטשלאַנד האָבן די שאָפּן זיך פֿאַרשפּרייט אין אַ סך אייראָפּעיִשע לענדער – אַזש[21] ביז שפּאַניע, ווײַסרוסלאַנד און דער שווייץ.

1. ratons laveurs/raccoons 2. KhAYE animal ; *plur.* חיות KhAYES 3. peaux/skins 4. SOFKL-SOF finalement/in the end 5. GUFE eux-mêmes/themselves 6. BEYS pendant/during 7. MILKhOME guerre/war 8. KhOREV … détruit/destroyed ; *inf.* חרובֿ מאַכן détruire/destroy 9. mènent la belle vie/are living the good life 10. AFILE même/even 11. צופּאַסן זיך s’adapter/to adjust 12. SVIVE milieu/surroundings 13. TOYShVIM habitants/residents 14. … NAKhES prennent plaisir/take pleasure 15. exigent/demand 16. qu'on les protège/to protect them 17. gêneur/nuisance 18. AKhILE nourriture/food 19. HOZE culot/nerve 20. TAYNET *ici* on dit/*here* it is said 21. aussi loin que/as far as.

# מוראַשקעס[1] פֿון דרום[2]־אייראָפּע פֿאַראייניקן זיך

## פֿון מיכאל קרוטיקאָוו און גענאַדי עסטרײַך

אַ ריזיקער מוראַשניק[3], זעקס טויזנט קילאָמעטער לאַנג (קנאַפּע[4] פֿיר טויזנט מײַל), ווערט שטילערהייט געבויט פֿאַזע[5] דעם ים־ברעג[6] פֿון דרום־אייראָפּע. פֿאַרשיידענע קאָלאָניעס פֿון מוראַשקעס האָבן אויפֿגעהערט צו פֿירן מלחמות[7] צווישן זיך און האַלטן אין[8] שאַפֿן איין גרויס „אייראָפּעיִש הויז“. פֿון גענוע ביז מאַרסעל, פֿון גיבראַלטאַר ביז ליסאַבאָן לעבן איצט אַלע מוראַשקעס בשלום[9] און האָרעווען[10] צוזאַמען ווי אין אַ גוטן קיבוץ[11].

די געלערנטע חידושן זיך[12], זעענדיק אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פֿון אייראָפּעיִשע מוראַשקעס. בדרך־כּלל[13] זײַנען מוראַשקעס זייער אַגרעסיוו. געוויינטלעך, דערקענען באַלד די מיטגלידער פֿון איין שבֿט[14] אַ פֿרעמדן לויט זיין ריח[15], און מען צערײַסט אויף שטיקער יעדן איינעם וואָס שמעקט עפּעס אַנדערש. דער נײַער בונד[16] צווישן מיטגלידער פֿון פֿאַרשיידענע מוראַשניקעס איז קעגן אַלע נאַטור־געזעצן, האַלטן די מומחים[17] אין מוראַשקעס־ענינים[18].

די פֿאָרשערס האָבן געמאַכט אַן עקספּערימענט : מען האָט גענומען אַ מוראַשקע פֿון איטאַליע און זי אַרײַנגעזעצט אין אַ שפּאַנישן מוראַשניק. דער נײַער אימיגראַנט האָט זיך גלײַך געפֿילט ווי אין דער היים און זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער נײַער חבֿרה[19].

די מאָדנע ענדערונג האָט ניט קיין שײַכות[20] צום פּראָצעס פֿון פֿאַראייניקן די אייראָפּעיִשע מדינות[21]. אַדרבא[22], עס האָט צו טאָן מיט דעם נײַעם מין[23] מוראַשקעס, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט מעבֿר־לים[24], אַזש[25] פֿון אַרגענטינע. די אַרגענטינער מוראַשקעס זײַנען מער פּראָגרעסיוו ווי זייערע אייראָפּעיִשע ברידער. זיי האָבן ניט קיין שׂינאה[26] צו אַ פֿרעמדן, און אַרבעטן אַלע צוזאַמען לטובֿת[27] זייערע מלכּות[28]. דווקא[29] זיי האָבן זיך צעפּלאָדיעט[30] אין דרום־אייראָפּע און פֿאַרכאַפּט, אַ דאַנק זייער קאָאָפּעראַטיווער עטיק, כּמעט[31] דעם גאַנצן ברעג פֿון מיטללענדישן ים[32] און אַטלאַנטישן אָקעאַן. אָבער די אײַנגעזעסענע[33] אייראָפּעיִשע מוראַשקעס האָבן געוואָלט ווײַטער לעבן לויט זייערע טראַדיציאָנעלע געזעצן.

אַז זוי ווי זייערע כּוחות[34] זײַנען געווען צעשפּאָלטן, האָבן זיי זיך ניט געקאָנט ווערן[35] קעגן די פֿאַראייניקטע חיילות[36] פֿון די אַרגענטינער אימיגראַנטן, און האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן. [...]



▲ מוראַשקעס בײַ דער אַרבעט

1. fourmis/ants 2. DOREM sud/south 3. fourmilière/anthill 4. presque/nearly 5. le long de/along 6. YAM-... bord de mer/coastline 7. MILKhOMES guerres/wars 8. sont en train de/are in the process of 9. BESHOLEM en paix/in peace 10. אַרבעטן שווער 11. KIBETS kibboutz/kibbutz 12. KhIDESHN... s'étonnent/are amazed 13. BEDEREKh-KLAL en règle générale/as a general rule 14. ShEYVET tribu/tribe 15. REYEKh odeur/odor 16. union 17. MUMKhIM experts 18. INYONIM sujets, matières/matters ; *sing.* ענין INYEN 19. KhEVRE clan/group, friends 20. ShAYKhES rapport/relation 21. MEDINES pays/countries 22. ADERABE *ici* au contraire/*here* on the contrary 23. sorte/kind 24. MEEYVER LEYAM d'outre-mer/from overseas 25. d'aussi loin que/all the way from 26. SINE haine/hatred 27. LETOYVES pour le bien de/for the good of 28. MALKES reines/queens 29. DAFKE *ici* c'est elles qui/*here* they are the ones who 30. multipliés/multiplied 31. KIMAT presque/nearly 32. mer Méditerranée/Mediterranean sea 33. installés, indigènes/settled, native 34. KOYKhES forces 35. se défendre/defend themselves 36. KhAYOLES armées/armies.


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ........................................

אַדרעס : ........................................................................

........................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַזן :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער :

אויסגאַנג[4]־דאַטע :

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/e-mail.

[סוף פֿון זײַט 1]

אינפֿאָרמאַנטן. זייער וויכטיק פֿאַר די יונגע פֿאָרשערס איז געווען דער קורס וועגן ביבליאָגראַפֿישע מקורים[24] אין שײַכות[25] מיט דער טעמע פֿון ייִדיש אין ניו־יאָרק, און ווי מע קען צוקומען צו זיי.

באָך איין זאַך איז כּדאַי[26] צו דערמאָנען – איר זאָלט חלילה[27] ניט מיינען אַז מיר זײַנען געזעסן אין קלאַס דרײַ וואָכן כּסדר[28]. פֿאַר אַ מענטש וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, איז ניו־יאָרק אַן אַנטיק[29]. ווען מיר האָבן געלייענט *איסט ריווער* זײַנען מיר גלײַך געלאָפֿן זען די 42סטע גאַס בײַ דעם מיזרח־טײַך[30], ווו עס האָבן געלעבט זײַנע העלדן. מען האָט אונדז געפֿירט אויףביידע „אַרבעטער־רינג סעמעטעריס"[31] (אויף דעם אַלטן און דעם נײַעם בית־עולם[32]), ווו עס ליגן, צווישן אַ סך אַנדערע, שלום־עליכם[33], משה־לייב האַלפּערן[34], ה. לייוויק[35], אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס[36], און וולאַדימיר מעדעם[37]. דערצו נאָך האָט מען געמאַכט אַ קורצע עקסקורסיע איבער דעם היסטאָרישן „לאָער איסט־סײַד"[38] ווו עס האָבן אַ מאָל געלעבט אין די „טענעמענט"־הײַזער[39] די ערשטע ייִדישע אימיגראַנטן – אַרבעטער אין די „סוועטשאַפּס"[40]. מיר האָבן געזען דעם הויכן *פֿאָרווערטס*־בנין[41], וואָס שטייט ביז הײַנט

כאָטש[42] דער *פֿאָרווערטס* אַליין געפֿינט זיך שוין אין אַן אַנדער שטאָטטייל. מיר האָבן שפּאַצירט דורך די געסלעך, ווו די ייִדישע שרײַבערס און פּאָעטן פֿלעגן זיצן שעהען



לאַנג[43] אין די אַמאָליקע קאַפֿעטעריעס און הייס דיסקוטירן וועגן אַלץ אויף וואָס די וועלט שטייט[44]. אַך, אַ שטאָט אַן אַנטיק !

*וויקי אַש (ירושלים)*

24. MEKOYRIM sources 25. SHAYKHES rapport/relation 26. KEDAY vaut la peine/is worth 27. KHOLILE à Dieu ne plaise/God forbid 28. KESEYDER sans interruption/without a break 29. un bijou/a treasure 30. MIZREKH-... East River 31. cimetières du Cercle ouvrier/Workmen's Circle Cemeteries 32. BEYSOYLEM cimetière/cemetery 33. Sholem-Aleykhem (1859-1916) 34. Moyshe Leyb Halpern (1886-1932) 35. H. Leyvik (1888-1962) 36. Arn Glants-Leyeles (1889-1966) 37. Vladimir Medem (1879-1923) théoricien du Bund/theoretician of the Bund 38. Lower East Side 39. tenement אָרעמע הײַזער מיט גאָר קליינע שטיבער ווו עס האָבן געוווינט די אַרבעטער 40. sweat-shops וואַרשטאַטן ווו די אַרבעטער האָבן שווער געאַרבעט און ווייניק פֿאַרדינט 41. ...-BINYEN immeuble du journal *Forverts*/*Forverts* building 42. bien que/although 43. SHOEN ... des heures durant/for hours 44. *ici* : de tout et de rien/*here* : everything in the world.

[סוף פֿון זײַט 5]

חיהלע ביר און איך זײַנען געזעסן מיט עטלעכע אַקטיאָרן באַזונדער כּדי[47] צו אַרבעטן מיט זיי אויפֿן ייִדישן טעקסט. דוד שנײַדער האָט גוט אַנטוויקלט[48] מיט אונדז די פֿאַרשיידענע ראָלעס. למשל האָט ער אונדז געוויזן ווי אַזוי עס דאַרף רעדן אַ רײַכער אַמעריקאַנער ייִד, „דער קעניג פֿון די הויזן־קנעפּלעך"[49], ווי עס פֿירט זיך אַן אָרעמע זונה[50], ווי עס באַוועגן זיך וואַסער־גײַסטער אין די טיפֿענישן פֿון ים[51]. נאָך צענדליקער פּראָבעס האָבן מיר שוין אַזוי גוט געקענט אונדזער טעקסט, אַז אויף דער פּרעמיערע האָבן מיר מער נישט מורא געהאַט[52] צו שטיין אויף דער בינע. און מיר האָבן פּשוט הנאה[53] געהאַט צו שפּילן די פּיעסע.

**– צי וועט איר שפּילן די פּיעסע נאָך אַ מאָל ?**

– מיר האָבן פֿון אָנהייב אָן געהאַט פּלאַנירט צו געבן דרײַ פֿאָרשטעלונגען, אין שײַכות[53] מיט אַ קאָנפֿערענץ וועגן דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין לאָנדאָן. נאָך דער לעצטער פֿאָרשטעלונג האָט מען לײַדער[55] געדאַרפֿט צעשטערן[56] אַלע דעקאָראַציעס וואָס מע האָט געשאַפֿן פֿאַרן ספּעקטאַקל. אַזוי אַרום וואָלט געווען שווער נאָך א מאָל אַלץ אויפֿצובויען פֿון דאָס נײַ. פֿאַר מיר איז ממש אַ שאָד אַז מיר האָבן נישט געקענט אָנגיין מיט דער פּיעסע אויף אַ לענגערער צײַט, נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין אַזוי שווער געהאָרעוועט[57] !

47. KEDEY afin de/in order to 48. travaillé, élaboré/worked out 49. le roi des Boutons de culotte/King of the trouser buttons 50. ZOYNE prostituée/prostitute 51. YAM mer/sea 52. MOYRE ... pas eu peur/were not afraid 53. HANOE plaisir/pleasure 54. SHAYKHES rapport/relation 55. malheureusement/unfortunately 56. détruire/to destroy 57. travaillé dur/worked so hard.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַניק, בערטראַן, זשיל, יצחק, מאַרי נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

AEDCY

Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tél. : 01 42 71 30 07

מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
medem@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com